דאָזיקע באַשלאָסן אין זיין אייגענעם האַרצן אָפּצוהיטן
38 זיין בתולה, טוט ער וואויל. אַזוי אַרום אויך דער,
וועלכער מאַכט־חתונה זיין בתולה, טוט וואויל; און
דער, וועלכער מאַכט זי נישט חתונה, וועט טון
39 בעסער. אַ פרוי איז געבונדן כל־זמן דער מאַן
אירער לעבט; און ווען איר מאַן שטאַרבט, איז זי
פריי חתונה צו האָבן מיט וועמען זי וויל; נאָר אינם
40 האַר. וויילער אָבער איז איר, לויט מיין מיינונג,
ווען זי בלייבט אַזוי; און מיר שיינט אויס, אַז אויך
איך האָב דעם גייסט פון ג־ט.

## קאַפּיטל אַכט

1 און וואָס שייך קרבנות צו אָפּגעטער: ווייסן מיר, אַז
מיר אַלע האָבן דערקענטעניש. די דערקענטעניש
2 בלאָזט אויף, די ליבע אָבער בויט אויף. אויב איינער
רעדט זיך איין, אַז ער קען עפּעס, ווייסט ער נאָך
3 נישט, וויאַזוי ער דאַרף קענען; ווער אָבער עס האָט
4 ליב ג־ט, דער איז פון אים דערקענט. דעריבער,
וועגן דעם עסן פון קרבנות צו אָפּגעטער, ווייסן
מיר, אַז אַן אָפּגאָט איז גאָרנישט אין דער וועלט,
און אַז עס איז נישטאָ קיין ג־ט אַ חוץ דעם איינעם.
5 און ווען אַפילו עס געפינען זיך אַזוי־גערו־
פענע געטער, צי אין הימל, צי אויף דער ערד,
ווי עס זענען טאַקע פאַראַן אַ סך געטער און אַ סך
6 האַרן, דאָך פאַר אונז—נאָר איין ג־ט, דער פאָטער,
פון וועמען אַלץ איז, און מיר פאַר אים; און איין
האַר, ישוע המשיח, דורך וועמען אַלץ איז, און מיר
7 דורך אים. די (דאָזיקע) דערקענטעניש איז אָבער
נישט אין אַלעמען; נאָר אייניקע, אין דער געוואוינ־
הייט ביז איצט צום אָפּגאָט, עסן עס ווי אַ קרבן צו